בעזהשי"ת

שיעור ס'

הלכה
היינטיגע צייטן
באידיש

האלט די מדריך
פאר א יעדער צורך

שיעורי

# הלכה ישרה

"דיני איסור יחוד"
"והלכות קדושה"

מהדורה ב'

לא ללמוד בשעת התפילה וקריאת התורה

# דיני 'איסור יחוד' והלכות 'קדושה'

**כתוב** בתורה (דברים כב, טו) "כי ה' אלוקיך מתהלך בקרב מחניך להצילך, והיה מחניך קדוש, ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך":

**השי"ת ריהט מיט דיר ווען דו האלסט דיך בקדושה**, כדי דיר צו ראטעווען פון אלעס שלעכטס.

טאמער ער זעהט ביי דיר א זאך פארקערט פון קדושה, ציהט ער זיך אפ פון דיר, און דעמאלסט ח"ו השם ישמרנו וואס קען געשעהן מיט דיר.

**ובתהלים** (תהילים כ) כתוב "ישלח עזרך מקודש" – **נאר דורך קדושה** באקומסטו שפע – דיין הצלחה און דיין נחת. און נאר דעמאלסט "יזכור כל מנחותיך" – הערט ער צו דיינע תפילות.

**הסתכלות בנשים | דיבור עם קרובים ושכנים | דיני יחוד | היתרים באיסור יחוד | דיני היתר שומרים | דוגמאות מצויות**

**יחוד באיסור** נכלל ב'לאו' של "לא תקרבו לגלות ערוה" (חינוך מצוה קפ"ח), וי"א שהוא בכלל 'אביזרייהו דגילוי עריות', שזהו בכלל "יהרג ואל יעבור" (עי' רמ"א יור"ד קנ"ז ס"א) וראה ספר 'פתח הבית' (פרק ט"ז בכללים) אימתי צריך למסור נפש בפועל על זה.

**כתוב** בשו"ע (אבע"ז סי' כו, ו): "אין שואלין בשלום אשה כלל, אפילו ע"י שליח". אסור לדבר עם איסורי עריות ואשת איש, בפרט עם **שכנים וקרובים, שוועגערינס וקאזענס** שהלב גס עמהם, והיינו לדבר 'סתם' או לשאול כל דבר שנוגע לחייה הפרטיים שלא צורך (אבהע"ז חלקת מחוקק סי' קט"ו סקי"ב ובית שמואל סקי"ב).

**כתוב** בשו"ע (סי' כא, א, ובית שמואל סק"א): "כתיב 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם' (במדבר טו, לט) **אסור להסתכל** (קוקען) על אשת איש, אפילו על פנייה (מיידל) **בבית וברחוב** (מיט משפחה אדער אויפ'ן גאס) מדין דאורייתא של 'ונשמרת מכל דבר רע', שמביא לידי הרהור, ויש אומרים שצריכים למסור נפש על זה, והוא בכלל 'אביזרייהו דגילוי עריות' דיהרג ואל יעבור".

**לכן** כל הסתכלות ודיבור (קוקען אדער שמועסן) של אנשים עם נשים, או שוואגערס מיט שוועגערינס, או בין שכנים וקרובים בימי שבתות ויו"ט, בשמחות או בעבודה (ארבעט פלאץ) – כל זה אסור מן התורה, ומעיקר הדין של השו"ע הרי זה כ'אביזרייהו (א חלק) של גלוי עריות'.

## דיני יחוד

א. **אב יחד עם בתו ונכדתו:** מותר ביחוד אפילו לזמן רב, אפילו בלילה, אפילו חוץ לעיר.

ב. **אם יחד עם בנה ונכדה:** מותרת ביחוד אפילו לזמן רב, אפילו בלילה, אפילו חוץ לעיר.

ג. **אח עם אחותו:** מותר ביחוד, אבל לא לגור ביחד יותר מל' יום (ח"מ ס"ק א' שו"ת אמרי יושר).

ד. **תינוק בן ט' שנים:** יש איסור יחוד בכל אישה מבת י"ב ומעלה.

ה. **תינוקות בת ג' שנים:** יש איסור יחוד בכל איש מבן י"ג ומעלה.



כי ה' אלוקיך מתהלך בקרב מחניך להצילך,

ו. **שני אנשים עם אישה:** מותרים ביחוד – אך רק **ביום** ולא בלילה, שאז צריך ג׳, **ורק בתוך העיר** ולא מחוץ לעיר או בשדה, שאז צריך ג׳.

ז. **עם אנשים שאינם יראי שמים:** אסור לנשים להתייחד עמהם, ואפילו עם כמה נשים (בית שמואל סק״ז חלקת מחוקק סק״ח, וב״ח).

- ❖ אם יש נכרית (גוי׳טע) בין הנשים, אפשר להתיר אז (ערך ש״י).
- ❖ אחד אינו יר״ש ואחד כשר עם אישה – מחלוקת אם מותר יחוד.

ח. **שתי נשים עם איש:** אסור.

ט. **שלוש נשים עם איש:** בשעת הדחק מותר, **אבל בלילה אסור וצריך ד׳** (ס״ה וב״ח ד״ה אין ממנין (דברי מלכיאל ח״ד ס׳ ק״ב שבה״ל ח״ג ס׳ קפ״ג דמתיר בדחק או בצירוף סניף) (דבר הלכה ס״ח).

- ❖ **שלוש נשים עם איש – בקביעות עד שנהיו ׳היימיש׳** (נאנט), **אסור** (מדין עסק עם נשים).
- ❖ **רווק:** בחור, אלמן, גרוש כשלבו גס – אסור אז אף בשלוש נשים עם איש.

## ׳שומרים׳ בהיתר יחוד

י. **בעל שומר לאשתו:** וכן אישה להיות שומר לבעלה – מותר, כשהבעל עם אשה אחת, או האשה עם איש אחד, ומועיל אף בשביל עוד נשים אחרות שיש שם.

יא. **אשתו:** רק כשהיא עמו בביתו הויא שומר, אבל בעיר – מחלוקת, וביחוד דרבנן אפשר להקל בבעלה עם שתי נשים, גם כשאשתו בעיר (מהרש״ל ב״ח, ובית שמואל סקכ״ב, דובב מישרים ח״א ס״ה).

יב. **איש ואשתו גוים:** אינם שומרים, ולכן אסור להתייחד עמהם אפילו כששניהם שם.

יג. **אב שומר לבתו, וכן אם לבנה, אח לאחותו, ואחות לאחיה:** יש מתירים שהם שומרים למי ׳שהם עצמם מותרים ביחוד׳, ולכן מותר אז **כשבתו**, **בנה**, **ואחותו**, **אחיה** עם איש אחר (פה״ב פ״ט ס״ד).

- ❖ ובוודאי אם בעלה בעיר באופן שאינה לכתחילה, אז מצטרף האב, האח או אחותו להיות שומר עם איש זר.

יד. **ילד:** שיכול לדבר מגיל 6-7 (פה״ב פ״י ס״ב) עד גיל 12 – להיות שומר, מותר אז ביחוד איש אחד עם אישה.

- ❖ **ילדה:** שומרת כשיכולה לדבר מגיל 6-7 עד 9, וי״א ששומרת עד גיל 12 (ב״ח חזו״א ובי״ש, וע׳ עזר מקודש פנים מאירות, דבר הלכה ס״ד ס״ג).

טו. **ילד וילדה בלילה:** (או בשעה שישנים) אינם שומרים, אבל עם ב׳ ילדים גדולים כנ״ל, מועיל לעולם (דבר הלכה ס״ד ס״ד וס״ה).

- ❖ להתייחד עם ילד או ילדה לבד, אסור כנ״ל אות ד׳ ה׳.

טז. **כלה וחמותה** (שניר עם שוויגער)**:** שומרים על עצמן, ומותרין אז עם איש אחד.

יז. **שתי גיסות** (שוועגערנס) – **כשאחת בת חמותה** (טאכטער פון איהר שוויגער)**,** שומרים על עצמן, ומותרין אז עם איש אחד.

- ❖ ודע! שאז מועיל ההיתר גם לנשים אחרות שיש שם (ע׳ דבר הלכה ס״ח).

יח. **בן או בת חורג** (שטיעף קינד) **מאשה אחרת:** שומרים – ומותרת השטיעף מאמע עם איש

אחד.

יט. **נכרית** (גוי'טע): י"א שמותר לאיש ביחוד עם נכרית ועם ישראלית אחת (ערך ש"י סכ"ב לכאורה כדין נשים ששונאות הנ"ל).

## היתרים באיסור יחוד

### היתר 'בעלה בעיר'

א. **בעלה בעיר – אפילו אם אינו מגיע לשם**, מותר ג"כ, כיון שיש לה פחד בטבע כשבעלה בעיר (חיד"א שיורי ברכה כ"ב, ועי' דבר הלכה ופתה"ב בשם חזו"א).

- ❖ י"מ שדווקא כשיכול להיכנס אל חדר (או אל בית) היחוד בכל עת, רק אז מתיר ביחוד.
- ❖ אפילו כשבעלה יודע שאיש אחד צריך להיות עם אשתו (כגון פועל), מותר ביחוד (פתה"ב פ"ז ס"ב, וספר משפטי יחוד).
- ❖ **ודע!** לכו"ע – אפילו לדעת המקילין, זה דווקא אם הבעל יודע שאשתו בביתה.

ב. **בעלה אינה בעיר**: אסור – אפילו אינו רחוק משם, ואפילו מיד סמוך מחוץ לעיר או בקאנטרי, אינו מתיר היחוד.

ג. **בעלה בעיר – כאשר האיש ליבו גס בה** (היימיש עם אשתו) או שהוא קרוב לאשתו, אינו מתיר יחוד (שו"ע ס"ח).

ד. **המגדלים** (האדעווען) בחור או נערה לא יועיל לפי"ז, דהוי ליבו גס בה.

### פתח פתוח

ה. **פתח פתוח לרה"ר**: או שיש חלון ואפשר לראות בפנים, מותר אז ביחוד.

ו. **פתח פתוח לבנין מגורים** (Apartment Building): רק אם יכולים משפחות בבניין לראות אותם ממש בתוך החדר, אז מותר ביחוד.

ז. **פתח סגור ואינו נעול**: מותר רק אם יכול להיות כמה פעמים שאנשים ייכנסו שם **בלי רשות** או ילדים בני 6-7 בלי רשות, ואז אפילו אם אי אפשר לראות אותם בתוך הבית, מותר, (מהרש"ם ח"ב ע"ו, דבר הלכה שם חזו"א ובנין ציון ח"א קל"ח, ובפתה"ב פ"ג ס"ט מצריך שאכן נכנסים, ועי' בספר משפטי היחוד - שדי אם יכול להיות).

ח. **פתח פתוח בלילה**: אינו מועיל (שו"ע ס"ט, באה"ט סק"ט, עזר מקודש, שם ח"מ סקי"ג וד').

### היתר קעמערא

קעמערא: שיכולים על ידה לראות כולם **בכל פינות החדר**, מתיר ביחוד.

- ❖ אך בתנאי שאפשר לבעל הקעמערא **לראות בכל עת** (ולא רק כשרוצים לחזור בזמן – איבערקוקען).
- ❖ **וכן בעבודה** (ארבעט פלאץ) שיכולים **לראות בכל עת** לכה"פ ג' אנשים (משפטי יחוד ע' קפ"ח).

## היתר מפתח אצל שכנים

**מסירת מפתח:** וכן מסירת מספר המנעול (Combination) לשכנים, בתנאי **שהם אכן נכנסים** מפעם לפעם בלי לדפוק על הדלת ובלי להשתמש עם פעמון הדלת, מותר (דאל"כ הוא רק היתר של 'פתח פתוח', שאינו מועיל בפחות מג' אנשים) (דובב מישרים ח"א ס"ה).

# 'איסור יחוד' במציאות

## יחוד באפיס

א. **אפיס:** להתייחד שם איש עם כמה עובדות (סעקרעטערים) כדומה הדין כדלהלן:

מותר בשעת הדחק רק **כשיש שם ג' נשים**, אבל בפחות מכן – **אפילו על זמן קצר** – אסור לאיש להיות עמה.

ב. **בבחור, אלמן, וגרוש:** אסור, אפילו עם ג' נשים – כאשר זה בקביעות (סכ"ב).

ג. **אחת מהן הוא בתו או אחותו של האיש:** מותר אפילו עם ב' נשים אחרות, ואפילו בקביעות (דבר הלכה ח"ד).

❖ ודע! שביום שאינה מגיעה **בתו או אחותו של האיש**, אסור אז שום יחוד.

ד. **בפתח פתוח לבנין:** ויש בבנין הרבה אנשים, מותר, וכן אם **סגור ואינו נעול** (וכשיטת הרשב"א ב'הגפת הדלת').

❖ או בחדר שעשוי מזכוכית וכל אחד יכול להסתכל פנימה, מותר אפילו בנעול.

ה. **אינו מועיל באפיסעס היתר של 'בעלה בעיר'**, אפילו כשמגיע שם מפעם לפעם, דהוי כליבו של בעה"ב גס (ס"ח וערה"ש ס"ו), ובצורך ישאל מו"צ .

ו. בחלק היום אפילו בזמן קצר **שאין שם ג' נשים**, אסור ליכנס שם איש אפילו על דקה אחת – אפילו נישט אויף איין מינוט – בלי שני אנשים ביחד.

**שעות של אחרי עבודה:** מאד צריך ליזהר באיסור יחוד בזמנים ושעות של אחרי העבודה, או בימים שאין כולם באים, כשאין שם ההיתרים שיכולים להיכנס ג' אנשים, או ההיתר של ג' נשים ביחד, ואז איסור יחוד בתוקפו אפילו על קצת זמן.

ז. אם אחד מהעובדים שם עם הנשים נתהווה ביניהם **קירבה** (היימיש) (וליבו גס עמהן), אסור אז אפילו בג' נשים, **וצריכים לשלחו, להציל הנשים מאיסור יחוד** (כדין העוסק בנשים שאסור אפילו בג') (רמ"א שם).

ח. **צריך להקפיד:** שבעה"ב לא יקרא לנשים בשם הראשון - **ולא לדבר אלא לצורך הדברים של האפיס ממש**, אבל דברים אחרים שאינם נוגעים לעבודה – אסורים 'אפילו הם נחוצים', משום איסור יחוד (מדין 'העוסק בנשים' שאסור אפילו בג').

❖ אסור להזמינם לשמחות, או לשאול בשלומם ואפילו בשלום הוריהם (כדין 'העוסק בנשים' שאסור אפילו בג').

ט. אף אחד וגם **הבעה"ב** (Boss) **לא ייתן מתנות**, ואפילו לכולן ביחד ג"כ אסור.

י. אם הנשים אינן שומרות תורה ומצוות, אין ההיתר של ג' נשים עם איש אחד (לרמ"א שם,

ועיין פתח הבית פ"ו ס"ב).

❖ נכרית (גויטע) ביחוד של איש עם ב' נשים – יש מתירים (עפ"י ערך ש"י).

יא. אם יש באפיס חפצים או מאשינען שכל אחד מהבנין משתמש בהם, מותר הכל, דהוי כפתח פתוח שכל אחד יכול ליכנס (דבר הלכה סי' י"א ס"ז ופתח הבית פרק ד' ס"ד).

**יב. אם יש קעמערא – שג' אנשים יכולים לראות בכל עת** ואי אפשר לכסותו או להפסיקו, מותר, ודוקא כשרואים שם בחדר בכל פינה.

## רופא

רופא: סומכין על השיטה שמותר בפתח סגור שאינו נעול (רשב"א), כשאפשר ליכנס שם בכל עת (Nurse, Secretaries וכדומה), ודווקא כשיש קבלת קהל ועובדים באפיס של הרופא (שבה"ל ח"ה סי' ר"ג).

❖ ואסור ללכת לרופא פרטי – בפרט ברווק, אלא עם שומר (בעל עם אשתו, אח ואחות או ילד) ובתוך החדר דווקא.

❖ ואם אשת הרופא, או בעל הרופא שהם יהודים – הם בבית, מותר ביחוד.

## קאר

א. **מותר רק כשרואים בפנים** בכל עת, ואין אף פעם חלונות חשוכים (Tinted Windows) (ספר משפטי יחוד).

ב. **או שיש אור** (לייט) בקאר.

ג. **עם שומר ילד או ילדה** בגיל 6-7 ובמאוחר בלילה – שני ילדים.

ד. **כשהדרייווער אח** (ברודער) עם אחת מהג' נשים, מותר בשעת הצורך ובצירוף.

## עלעוועיטער

בעלעוועיטער אין איסור יחוד, בפרט כשאפשר לעצור בכל קומה (פתה"ב פט"ו אות ד' וד').

## עוזר או עוזרת (AID)

עוזר או עוזרת (Aid) של זקן או חולה, מותר כשאשתו שומרת, ובבית דווקא.

❖ אבל אינו מועיל בבעל חולה – כשאשתו בעיר, דליבם גס.

**וכן מותר אם מוסרים מפתח** – או מספר המנעול לשכנים.

❖ ודע! שזה דווקא **אם השכנים אכן נכנסים מפעם לפעם** בלי לדפוק או להשתמש בפעמון הדלת (דובב מישרים ח"א ס"ה).

## בעיביסיטינג

**בעיביסיטינג** – כשיש איסור יחוד **עם ילד בן ט'**, או **עם ילדה בת ג'**, מותר רק כדלהלן:

א. אם יש עוד שומר – ילד או ילדה בני 6-7 שנים.

ב. עם ב' ילדים אפילו בשעה מאוחרת בלילה.

ג. אם מוסרים מפתח או מספר המנעול לשכנים, **והם אכן נכנסים מפעם לפעם** בלי לדפוק

או להשתמש בפעמון הדלת.

ד. וכן באופן שאפשר שיגיע בעה"ב, מותר – אם הוא באותה העיר.

❖ כשהאב או האם חוזרים, הרי שאם רק הם מגיעים ואין שם עוד ילדים שומרים, אז ייצא הבעיביסיטער קודם מן הבית.

## לבקר אצל השווער והשוויגער

א. אינו מועיל היתר 'בעלה בעיר', כי ליבם גס.

ב. אבל מותר אם יש פתח פתוח - וכדינים בזה הנ"ל.

ג. או עם ילד אחר.

ד. וכן כאשר השווער או השוויגער מביא החפץ ליד הדלת.

ה. ואם יש שם כלה וחמותה (שניר מיט שוויגער), ג"כ מותר.

# דיני 'יחוד' ו'קדושה' - באידיש

**רעדן מיט פרויען | קוקען אויף פרויען | קרובים ושכנים**

**דיני יחוד | שומר (היטער) | היתרים באיסור יחוד | הייניטיגע מציאות**

שטייט אין שלחן ערוך: קוקען אויף פרויען סיי מיט משפחה און סיי אויפ'ן גאס, אדער שמועסן מענער מיט פרויען, בפרט שוואגערס מיט שוועגערינס, אדער שכנים, קרובים בימי שבתות ויו"ט, בשמחות, אדער בעבודה – ביים ארבעט פלאץ, דאס אלעס איז אסור מן התורה מדין גלוי עריות (שו"ע אבע"ז ס' כ"א ס"א, ובית שמואל (סק"א), סכ"א ו', חלקת מחוקק ס' קט"ו ס"ק י"ב ובית שמואל סקי"ב).

## דינים פון 'יחוד'

יחוד איז 'מן התורה', און אסאך מאל איז עס 'ייהרג ולא יעבור' – מען טאר זיך נישט מייחד באיסור ביז זיך אפילו מוסר נפש זיין.

א. **טאטע** – מיט א טאכטער אדער איניקל: איז מותר זיך מייחד זיין אפילו אויף א לאנגע צייט, אפילו ביינאכט, אפילו ארויס פון שטאט.

ב. **מאמע**: די זעלבע איז מיט א מאמע מיט איהר קינד און אייניקל, ווי דערמאנט פריער.

ג. **ברודער שוועסטער**: מעגן זיך מייחד זיין, אבער נישט וואוינען צוזאמען מער ווי 30 טעג.

ד. **קינד**: די איסור יחוד גייט אפילו מיט א מיידל פון נאר 3 **יאהר**, אדער מיט א אינגל פון נאר 9 **יאהר**.

ה. **ביי וועם איז די איסור:** ביי א מיידל פון 12 יאהר און עלטער (בת מצוה), און ביי א אינגל פון **בר מצוה** און עלטער.

ו. **צוויי מענער מיט א פרוי:** איז מותר נאר בייטאג, נאר אין שטאט – נאר ווען זיי זענען יראי השם.

- ❖ ביינאכט דארף מען 3 דריי מענער.
- ❖ ארויס פון שטאט וואו מענטשן דרייען זיך נישט, דארף מען 3 דריי מענער.
- ❖ מענער נישט קיין יראי השם – איז אסור אפילו צען, ואפשר להקל בדוחק טאמער עס איז דא דארט אויך א גוי'טע מיט נאך צוויי פרויען).
- ❖ טאמער איינער פון זיי איז א יר"ש און נישט די צווייטע, איז א מחלוקת הפוסקים.

ז. **צוויי פרויען מיט א מאן:** איז אסור ביחוד.

ח. **דריי פרויען מיט א מאן:** איז מותר בשעת הדחק, אדער מיט נאך קולות, ווי א אפענע טיר וכדו'.

- ❖ ביינאכט איז אסור מיט דריי פרויען, עס דארף זיין פיהר.
- ❖ בקביעות – ווען מען ווערט היימיש, נאנט-זיין, איז אסור דריי פרויען מיט א מאן צו זיין צוזאמען.
- ❖ מיט א בחור, גרוש, אלמן, איז אסור בקביעות, אפילו מיט דריי פרויען און מער.

ט. **גוים :** ביי גוים און גויטעס גייט אהן איסור יחוד מיט אלע חומרות און נאך מער.

## א שומר צו מתיר זיין יחוד

י. **מאן:** איז א שומר פאר'ן ווייב ווען ער איז אין שטאט, ווען זיין ווייב איז מיט א פרעמדע מאן.

- ❖ דעמאלסט איז אויך מותר פאר נאך פרעמדע ווייבער וואס זענען דארט מיט יענע פרעמדע מענטש.

יא. **ווייב:** פאר'ן מאן איז א 'שומר' ווען ער איז מיט א פרעמדע פרוי אין די הויז וואו זי איז דארט, נישט ווען זי איז נאר אין שטאט.

- ❖ ווען דער מאן איז מיט צוויי פרויען, קען מען מקיל זיין אפילו ווען זיין ווייב איז נאר אין שטאט, און נישט דארט אין הויז ממש.

יב. **גוי'שע מענער און ווייבער:** זענען נישט קיין שומרים איינער אויפ'ן צווייטן.

יג. **טאטע פאר'ן טאכטער, מאמע פאר'ן זיהן, ברודער פאר'ן שוועסטער, שוועסטער פאר'ן ברודער:** ווען זי איז מיט נאך א מענטש, זענען דא מתירים.

- ❖ און טאמער איהר מאן איז אין שטאט [אפילו באופן וואס עס איז נישט אזוי לכתחילה], איז איהר טאטע אדער ברודער אוודאי א שומר מיט א פרעמדען.

יד. **קינד א שומר:** מיידל פון 6-7 ביז 9 יאהר, א אינגל פון 6-7 ביז 12 יאהר – וואס זיי קענען שוין רעדן, זענען זיי א שומר צו מתיר זיין יחוד פאר א פרוי מיט א מאן.

- ❖ א מיידל ביז 12 יאר איז אויך א שומר בשעת הדחק.

טו. **קינד ביינאכט:** ביינאכט מוז זיין צוויי קינדער וואס קענען רעדן כדי צו זיין א שומר פאר א פרוי מיט א מאן.

טז. **שוויגער – שניר:** זענען שומרים איינער אויפ'ן צווייטן מיט א פרעמדע מאן.

**יז. שוועגערנס:** צוויי שוועגער'ן – ווען איינער איז די שוויגערס טאכטער - זענען שומרים איינער אויפן צווייטען מיט א פרעמדע מאן.

**יח. שטיעף קינד:** איז א שומר פאר'ן שטיעף מאמע מיט א פרעמדע מאן.

**יט. גויטע מיט א פרוי:** איז א שומר פאר'ן פרוי מיט א פרעמדע מאן בשעת הצורך.

## היתרים באיסור יחוד

### מאן אין שטאט

**כ. מאן אין די שטאט:** אפילו ער וועט נישט אנקומען, איז ער א שומר פאר זיין ווייב מיט א פרעמדע מאן (וי"א נאר טאמער ער קען אנקומען א יעדער צייט).

- ❖ טאמער דער מאן ווייסט אז א פרעמדע מאן גייט דארט זיין (צ"ב: אן ארבעטער וכדומה), איז מותר.
- ❖ טאמער זי איז נישט אין איהר **אייגענע הויז** העלפט נישט אז די מאן איז אין שטאט.

**כא. ווייב אין די שטאט:** העלפט נאר שמירה פאר'ן מאן ווען צוויי פרויען זענען מיט'ן איהם, אבער אויב נאר איין פרוי איז מיט'ן מאן, **דעמאלסט מוז זיין פרוי זיין אינדערהיים.**

**כב. ווען די פרעדמע איז היימיש:** און געוואוינט מיט די פרוי (צ"ב: א קרוב אדער א נאנטע שכן), העלפט נישט אז די מאן איז אין שטאט.

**כג. קינד וואס מען האדעוועט:** העלפט נישט אז די מאן אדער פרוי זענען אין שטאט, ביי א מיידל פון 3 יאר אלט און א אינגל פון 9 יאר, מדין יחוד.

**כד. מאן ארויס פון שטאט:** אפילו נישט ווייט (למשל אין קאנטרי ארויס פונעם קאלאני), איז אסור אפילו עס איז נאנט.

### אפענע טיר

**כה. אפענע טיר צום גאס:** אדער א פענסטער וואו מען זעהט זיי פון אינדרויסן, איז מתיר יחוד, אבער אין אנדערע צימער וואס מען קען זיי נישט זעהן, העלפט דאס נישט.

**כו. גרויסע בנין** (Apartment Building): א בנין פון אפאר משפחות זאל מען עפענען די טיר צו די איינוואוינערס פונעם בנין ווי מען קען זיי זעהן.

**כז. מען קען אריינקומען:** אויב די טיר איז אפען – אפילו מען קען זיי נישט זעהן – אבער עס איז דא א פחד ווייל מען קען אריין קומען **אהן רשות**, אדער קליינע קינדער פון 6-7 יאהר קענען קומען, איז מותר יחוד.

**כח. ביינאכט מיט אן אפענע טיר:** שעות וואס מען דרייעט זיך נישט, העלפט נישט קיין אפענע טיר צו מתיר זיין יחוד.

### קעמערא (Camera)

**כט. קעמערא – וואס מען זעהט בשעת מעשה א גאנצע צייט** (ווי ביי ארבעט פלעצער, דארט צום ווייניגסטענס ווען דריי קענען זעהן, אדער די מאן אין זיין טעלעפאן) וואס מען קען נישט אפשטעלן אדער צודעקן, און מען זעהט א יעדער ווינקל פון די צימער וואו זיי זענען, איז מתיר.

ל. אבער א קעמערא – וואס מען קוקט נישט כסדר, נאר ווען מען זוכט עפעס, איז דא איסור יחוד.

## שליסלביים שכן

לא. **שליסל ביים שכן:** העלפט אויף היתר יחוד, אבער נאר אויב זיי קומען טאקע אריין אהן רינגן די בעל (Bell), אזוי אויך ביים איבערגעבן די נומערן פונעם שלאס (Combination).

# דיני יחוד אין היינטיגע מציאות

## אפיס

לב. **אפיס – ווייבער מיט מענער:** אויב זענען 3 ווייבער א גאנצע צייט, איז מותר יחוד (ווייל דאס הייסט שעת הדחק צו מתיר זיין).

- ❖ ווען עס איז דא ווייניגער פון דריי ווייבער, טאר נישט זיין דארט א מאן אפילו פאר א קורצע צייט, אפילו נישט איין מינוט.

לג. **מאן – היימיש:** אויב די מאן (ארבעטס-געבער אדער ארבעטער) זענען היימיש צוזאמען (אדער נאנט), **העלפט נישט דריי ווייבער אויף היתר יחוד.**

לד. **גרויש, בחור, אלמן:** אויב עס איז דא דארט א מאן אהן קיין ווייב, העלפט נישט היתר יחוד אפילו מיט דריי ווייבער.

לה. **נישט שומר תורה:** ווייבער וואס זענען נישט שומרות תורה ומצוות, אדער וודאי גוים, העלפט נישט דריי ווייבער מיט א מאן.

לו. **טאטע, ברודער:** אויב איז דא דארט א טאטע אדער א ברודער פון איינער פון די פרויען, איז מותר יחוד, אפילו אויף די אנדערע ווייבער מיט א פרעמדע מאן.

- ❖ אבער **בשעת איינער** פון זיי גייט ארויס, העלפט נישט היתר יחוד אויף די אנדערע ווייבער וואס זענען דארט מיט א מאן.

לז. **אפענע טיהר אדער פענסטער:** איז מתיר יחוד ווען מען זעהט פון די גאס, אדער אסאך מענער (לכה"פ דריי פון די ארבעטער) קומען אריין און ארויס.

לח. **מאן אין שטאט:** העלפט נישט פאר זיין ווייב ביים ארבעט פלאץ.

- ❖ בשעת הצורך זאל מען פרעגן אויף א היתר.

לט. **מענער נוצן כסדר מאשינען פון אפיס** – ביים ארבעט פלאץ, העלפט דאס אויף איסור יחוד.

מ. **קעמערא:** א פלאץ וואו עס איז דא דארט א קעמערא וואס ארבעט די **'גאנצע צייט' – און לכל הפחות 'דריי מענער' פונעם פלאץ קענען זעהן אלעס אין א 'יעדער ווינקל' פונעם אפיס,** העלפט דאס אויף איסור יחוד.

מא. **שעות נאכן ארבעט** (After Hours): מען דארף זייער אכטונג געבן ווען עס איז 'סוף טאג', אדער 'טעג וואס נישט אלע קומען', וואס דעמאלסט איז נישט די היתרים פון **'דריי ווייבער', אדער פון די 'דריי מענער וואס קענען אריינקומען', איז דעמאלסט אסור צו זיין א מאן מיט** די ווייבער, אפילו פאר א קליינע צייט.

מב. **דינים פון הנהגות אין אפיס:**

א. א מאן זאל נישט רעדן מיט ווייבער **נאר וואס איז נוגע צום ארבעט**, אפילו נישט פרעגן **אדער רעדן וויכטיגע זאכן וואס בעלאנגט נישט צום ארבעט.**

- ❖ טאמער מען רעדט אנדערע זאכען, העלפט נישט קיין שום היתר אויף יחוד (מדין 'העוסק בנשים' שאסור אפילו בג').
- ❖ אפילו נישט פרעגן ווי אזוי איהר טאטע פיהלט, אדער ווען איהר מאן פאהרט וכדומה.

ב. נישט רופן ביים **ערשטע נאמען** (מדין 'העוסק בנשים' שאסור אפילו בג').

ג. מען טאר **נישט געבן מתנות**, אפילו נישט דער בעה"ב פאר אלע ווייבער אין איין צייט.

ד. מען טאר נישט זיי אנלאדענען צו שמחות, אויך זיי טארן נישט איינלאדענען די בעה"ב וכדו', און נישט פרעגען ווען איז די שמחה וכדומה.

ה. א מאן וואס איז היימיש, דארף מען פארשיקן פון אפיס צו **ראטעווען איסור יחוד פאר אלעמען.**

## דאקטער

מג. **דאקטער אין זיין אדער איהר צימער:** מעג מען פארמאכן די טיר (בעת הצורך) אבער מען דארף עס קענען עפענען פון אינדרויסן, צ.ב. א נורס אדער סעקרעטארי אדער אנדערע דאקטוירים.

אויב **עס איז נישט שייך**, דארף מען מיט נעמען א שומר:

- ❖ א מאן מיט'ן ווייב, א קינד פון 6-7 יאהר, א ברודער און שוועסטער **'אינעווייניג' אין צימער.**
- ❖ **מען טאר נאר גיין ווען עס איז אפיס שעות פאר אלעמען.**

מד. **פריוואטע דירה פונעם דאקטער:** וואו עס קומען נישט קיין מענטשן, איז אסור אלץ יחוד.

- ❖ אויב די דאקטער'ס ווייב אדער איהר מאן איז דארט אין הויז, איז מותר, אבער נאר אידען און נישט קיין גוים.
- ❖ אויך דארט העלפט א שומר, ווי דערמאנט פריער.

## קאר

מה. **קאר:** אין שטאט איז מותר יחוד, **אבער נישט מיט טינטעד פענסטערס** (Tinted Windows).

- ❖ מו. **קאר אינדרויסן פון שטאט** (אויף די טינקעלע קאנטרי וועגן) איז מותר נאר אויף די פאלגענדע פעלער:
- ❖ ווען מען קען זעהן אינעווייניג, אבער נאר אין שעות וואס מען פארט דארטן דורך, אנדערע שעות [ווי שפעטע נאכט שעות אדער פארטאגס], איז אסור.
- ❖ מיט א שומר ווי א ברודער אינעם קאר, און ביינאכט צוויי ברודערס, דעמאלסט איז מותר אויך פאר די אנדערע ווייבער אין קאר.
- ❖ מיט א קינד פון 6-7 יאהר, און ביינאכט צוויי קינדער.

## עלעוועיטער

מז. **עלעוועיטער:** איז מותר מדין יחוד, בפרט אויב מען קען עס אפשטעלן א יעדער צייט.

## בעיביסיטינג

מח. **בעיביסיטינג:** ווען עס איז דא דארטן א מיידל פון 3 יאהר אדער א אינגל פון 9 יאהר, דארף מען א שומר:

- א מיידל פון 6-7 יאר ביז 9, און א אינגל ביז 12, איז א שומר.
- אויך איז מותר אויב די טאטע מאמע קענען קומען א יעדע מינוט, אויב זענען זיי אין שטאט.
- **שכנים וואס 'קומען טאקע' אריין אפט** (דאס איז אן עצה אויך פאר די שטאט רעגעלאציע טאמער עפעס געשעהט ח"ו).
- ווען דער טאטע אדער מאמע קומט אהיים, און עס איז נישט דא דארט קינדער וואס זענען גוט אלץ שומר, דארף די בעיביסיטער קודם ארויסגיין פונעם הויז, דערנאך זאל די טאטע אדער מאמע אריינגיין.

## באזוכן די שווער שוויגער

מט. **באזוכן די שווער – שוויגער:**

א. ביי זיי העלפט נישט די היתר אז דער מאן אדער פרוי איז אין שטאט.

ב. **מיט א קינד** פון 6-7 יאר איז מותר.

ג. אויב עס איז דא דארט א שניר מיט'ן שוויגער, איז מותר.

ד. **א שטיעף קינד** (די מאנ'ס אייגענע קינד) איז מתיר יחוד פאר'ן שטיעף מאמע.

ה. מען קען בעטן אראפלייגן **די פעקל ביים טיהר** אויב מען קומט נעמען.

- **אפענער טיהר** איז מותר - נאר באופן ווי דערמאנט אויבן.

## העלפער (Aid)

נ. אן עיד - Aid פאר א חולה אדער זקן – איז נאר מותר יחוד ווען שכנים וואס האבען א שליסל קומען 'טאקע' אריין אומגעגראכטען.

- אדער דער מאן אדער ווייב זענען דווקא אין הויז.

# ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר

שיעור זה 'דיני איסור יחוד והלכות קדושה' (מהדורה ב')

לעילוי נשמת אפרים בן ר' שלמה אביגדור ז"ל ת.נ.צ.ב.ה.

**ולרפואת שרה בלומה בת דינה רחל**

זכות זהירות ושמירת 'דיני איסור יחוד והלכות קדושה' של כל הציבור

תגן בעדה לרפואתה ברפואה שלימה במהרה אמן

דיינים מומחים משיבים ועונים על שאלתכם כל ימות השבוע

קול הלכות שבת האטליין

שבת | יום טוב | חול המועד

929-4 SHABAS

929-474-2227

יצא לאור ע"י הרב יהודה אליקים מאנהייט - מו"צ בקה"ק ברוקלין יצ"ו

להנצחות הערות והארות נא להתקשר - 347-512-9276 - haluchuyeshuru@gmail.com